פערזענליכע זכרונות

# הרה״ק רבי איציקל מפשעווארסק זי״ע



ע״י אשר אנשיל גראד

חודש תשרי תשפ״ז

**מיר** האלטן נאנט צו די פופציגסטע יארצייט פון הרה״ק רבי איציקל מפשעווארסק זי״ע. ער איז נסתלק געווארן אין יום הקדוש שנת תשל״ז. פאר מיר ברענגט דאס צוריק זכרונות פון כמעט צוואנציג יאר - פון מיינע קינדער-יארן אין אנטווערפן בשנת תשי״ז ביז צום לעצטן יאר פונעם רבי׳ן. דאס זענען נישט קיין מעשיות וואס איך האב געהערט פון אנדערע. דאס זענען זאכן וואס איך האב אליין געזען מיט מיינע אויגן און מיטגעלעבט.

רבי איציקל זי״ע האט נאך געלעבט און געאטעמט מיט די צדיקים פונעם פריערדיגן דור. ער האט נאך זוכה געווען צו זען די עבודת הקודש פון די גדולים און צדיקים, דער הייליגער שינאווער רב, דער ציעשנוב׳ער רב, דער קאלאשיצער רב און נאך צדיקים, זכותם יגן עלינו. ער איז געבליבן מקושר מיט יענע וועלט בכל נימי נפשו. די וואס האבן זוכה געווען זיך מסתופף צו זיין בצל קדשו, האבן דאס מיטגעלעבט אויף יעדן טריט און שריט.

מיינע ערשטע זכרונות הייבן זיך אן ווען איך בין געווען א קליין קינד, אונז האבן דעמאלט געוואוינט אין אנטווערפן. איך געדענק נאך דעם ערשטן שבת בשנת תשי״ז, ווען רבי איציקל איז אנגעקומען פון פאריז. איך בין מיטגעגאנגען מיט מיין טאטן ע״ה באגלייטן דעם רבי׳ן שבת צופרי אין מקוה. עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט צו זען ווי דער רבי גייט אויפן גאס זייער שטארק אראפגעבויגן. מיט מיין קינדערישן שכל האב איך געטראכט, אז ער שעמט זיך צו גיין אויף די גאס מיט א שטריימל - בימים ההם איז דאס געווען אן אויסטערלישע זאך. שפעטער האב איך פארשטאנען אז ער איז געגאנגען אזוי אראפ געבויגן צוליב שמירת עינים.



❖

## זעקס פעניס

**מיר** האבן מיר זיך געצויגן קיין לאנדאן בשנת תשי״ח. מיין טאטע ע״ה האט דורך די יארן אנגעהאלטן זייער א נאנטן קשר מיטן רבי׳ן. איך געדענק אן אינטערעסאנטע מעשה. איך בין אלט געווען בערך זעקס יאר, אונז האבן געהאט א שכן, א גרויסער רשע, ער האט אונז געטשעפעט ביי יעדע געלעגנהייט. איינמאל האט ער זיך געקויפט א הונט וואס ער פלעג אויף אונז אנרייצן. אונז זענען ממש געווען פארשפארט אינדערהיים. מיין טאטע ע״ה האט באשלאסן צו טעלעפאנירן רבי איציקל. מ׳האט דעמאלט געדארפט רופן קיין אויסלאנד דורך די פאסט אפיס, און אונז זעמער אלע געשטאנען ביים טעלעפאן ווען מיין טאטע האט דאס מזכיר געווען. רבי איציקל האט געזאגט פאר מיין טאטן אז די קינדער זאלן אריינלייגן געלט אין רמבעה״נ פושקע. מיין גאנצע פארמעגן איז דעמאלט באשטאנען פון זעקס פעני. די פושקע איז געלעגן אויף א הויכע שאנק און איך בין ארויפגעקראכן אויף א בענקל. ס׳איז מיר נישט לייכט געווען זיך צו שיידן פון מיין פארמעגן. איך געדענק

נאך קלאר ווי איך האב געזאגט בזה הלשון: "איך לייג אריין די זעקס פעני בתנאי זה אז פעטש" - אזוי האט דער הונט געהייסן - "זאל שטארבן מיט א מיתה משונה." נאך איידער איך בין אראפגעשפרינגען פונעם בענקל, האט מען שוין געהערט אינדרויסן א קראך. א קאר האט אראפגעקלאפט דעם הונט, און ס'איז פון אים נישט געבליבן קיין זכר.

## תקנת נפשות

**ווען** רבינו הקדוש מ'סאטמאר זי"ע איז געווען אין לונדון בשנת תשכ"ה, געדענק איך אז רבי איציקל איז געשטאנען נעבן רבי'ן ביי קידוש פרייטאג צו נאכט - דער רבי האט געמאכט קידוש מיט'ן טלית אויפן קאפ. רבי איציקל האט זיך אויסגעשטרעקט אויפן טיש כדי צו קענען זען דעם רבי'נס צורה בשעת קידוש. ס'איז דארט געווען א געפערליכע שטופעניש, און איינער האט פרובירט צו מאכן אביסל פלאץ פאר רבי איציקל, און האט געשריגן: מאכטס פלאץ, ס'איז סכנת נפשות, אבער רבי איציקל האט אים געוויזן ער זאל אויפהערן, און געזאגט: "ס'איז תקנת נפשות".

ביים אהיים גיין פונעם טיש, איז שוין געווען פארטאגס - רבי איציקל איז איינגעשטאנען ביי ר' משה דוד שטראם אין רוקוואד ראוד, ס'איז א קורצע וועג פון יסודי התורה זאל וואו דער רבי האט געפירט טיש. רבי איציקל האט זיך אבער אנגערופן "בדרך המלך נלך" און ער איז געגאנגען א לענגערן וועג, דורך קלעפטאן קאמאן, מיט זיינע געשוואלענע, פאראייטערטע פיס.

## רעבע שמעבע

**אלס** יונגל פאר די בר מצוה, האב איך אמאל עפעס געפרעגט פון רבי איציקל און איך האב געזאגט, "דער רבי...", האט ער מיר געגעבן א קליין פעטשל און געזאגט, "רעבע שמעבע".

## הפח נשבר

**אמאל** ערב יום הקדוש האב איך געקויפט א פלאש 96 ספיריט אהיים צו ברענגען קיין לאנדאן. ווען איך בין אנגעקומען קיין מערקאטאר סטראט, האב איך עס געלייגט העכער די קאוט הענגערס. דער פלאש האט זיך גלייך אראפגעקוילערט און צעבראכן. רבי איציקל איז פונקט דארט געשטאנען, האט ער זיך אנגערופן: "הפח נשבר ואנחנו נמלטנו".

## פארן וואשן די פאדליגע

**איינמאל** האב איך געזען ערב שבת אז די ערד אין רבי איציקל'ס צימער איז שטויביג. ווען רבי איציקל איז ארויס פון זיין צימער, האב איך גענומען א מאפ און איך האב עס גוט אויסגעוואשן. און פונקט ווען איך האב געענדיגט איז רבי איציקל אריינגעקומען. ער האט עס באמערקט, אבער ער האט גארנישט געזאגט. יענעם שבת האב איך ביי אלע סעודות באקומען פון יעדן מאכל די ערשטע שיריים, כאטש ס'איז דארט געווען רבנים און אנשים חשובים, און ער האט עטליכע מאל געזאגט: "דאס איז פאר'ן וואשן די פאדליגע".

## פעפער אויף די קארטאפל

**איינמאל** האט מיר רבי איציקל געהייסן מיט עסן מיט אים א וואכנדיגע נאכטמאל, וואס מ'האט גערופן א "וועטשערע". דארט איז געזעסן ביים טיש נאר איך מיט רבי איציקל. די רביצין האט אריינגעברענגט הייסע קארטאפל, און ס'איז געלעגן אויפן טיש א פעפער מעסטל. רבי איציקל האט אריינגעגאסן אסאך פעפער אין די קארטאפל. איך האב זיך געוואונדערט, פארוואס עפעס לייגט ער אריין פעפער? רבי איציקל האט גלייך תופס געווען מיין מחשבה, און ער געבט מיר גלייך א קוק אן און זאגט מיר, "מ'זאגט נאך אז קארטאפל איז קשה לשכחה, אז מ'לייגט אריין פעפער שארפט עס אויס דעם מוח".

❖

אין די יארן תשל״ב און תשל״ג האב איך געהאט די זכיה צו זיין א שטיק צייט זייער נאנט צום רבי׳ן, דאס איז געווען אין קליפטאנוויל, א שטעטל ביים ים לעבן לאנדאן, און שפעטער אויף די בערג אין סענט-סערג אין שווייץ.

## ווער וויל ווערן א חתן?

**אין** קליפטאנוויל זענען געווען צען חשוב׳ע בחורים וואס זענען אהינגעקומען משלים צו זיין דעם מנין ביים רבי׳ן. מ׳האט זיי גערופן די ״יושבים״. ר׳ יאנקעלע ז״ע פלעגט דארט פארלערנען שיעורים. ס׳איז געווען א גאר דערהויבענע אטמאספערע.

מוצאי שבת פלעגן אסאך אידן ארויסקומען פון לאנדאן צו די מלוה מלכה, און די גוי׳אישע שכנים האבן זיך באקלאגט וועגן די גערודער וואס די קארס מאכן דארטן אן. האט מען באשלאסן אז מ׳זאל פארקן ווייטער אוועק נעבן ים, אבער מ׳האט געדארפט האבן בחורים זאלן דארט שטיין און וויזן פאר די קארס וואו נישט ארייניצוקומען און וואו צו פארקן. קיינער האט אבער נישט געוואלט פארפאסן די מלוה מלכה. ווען רבי איציקל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: ווער ס׳וויל ווערן א חתן זאל גיין. פון די צען בחורים זענען אכט גלייך ארויסגעגאנגען, און צוויי זענען געבליבן ביי די מלוה מלכה. איך געדענק נאך היינט די נעמען פון אלע צען. דער רבי האט נישט מסיח דעת געווען פון די בחורים וואס זענען ארויסגעגאנגען, און דורכאויס די גאנצע מלוה מלכה האט ער פאר זיי ארויסגעשיקט די ערשטע שיריים.

למעשה, אלע אכט וואס זענען געגאנגען זענען געווארן חתנים יענעם יאר. די צוויי וואס זענען געבליבן האבן נאך יארן געווארט אויף זייער שידוך. איך אליין בין געווען פון די אכט, און א קורצע צייט שפעטער בין איך ב״ה א חתן געווארן בשעטומ״צ.

## דער ברית וואס דער רבי האט נישט געוואלט

**איינמאל** דאנערשטאג האט א איד פון לאנדאן אנגערופן אז ער וויל ארויסברענגען א קינד קיין קליפטאנוויל מכבד צו זיין דעם רבי׳ן מיט סנדקאות ערב שבת. דער רבי האט זייער שטרענג אנגעזאגט אז ער איז בשום אופן נישט מסכים דערצו. דער אבי הבן האט זיך אבער זייער פאר׳עקשנ׳ט, און כאטש דער רבי האט עטליכע מאל זייער שארף אנגעזאגט אז ער איז נישט מסכים, האט מען דאס יא געברענגט. למעשה, האט ליידער אויפ׳ן וועג פאסירט א שרעקליכע עקסידענט. א קאר פון דעם פארקערטן וועג, אויפ׳ן הייוועי, האט אריינגעקראכט אין איינע פון די אידישע קארס. דריי גויטעס זענען אויפן ארט געהרגעט געווארן. די אידישע קאר איז אויך זייער שטארק צעקראכט געווארן, אבער ממש על פי נס זענען אלע געבליבן לעבן. מ׳האט זיי געפירט אין שפיטאל, איינער איז געווען זייער קריטיש. איך האב אים מזכיר געווען ביים רבי׳ן, האט ער מיר געזאגט, ״דער נאמען שטימט נישט, רוף אן קיין לאנדאן.״ איינע פון זיינע נעמען האט טאקע געפעלט. איך בין נאכדעם ארויסגעפארן צו דעם פלאץ פון די קרעש. דער פאליציי האט מיר דארט געזאגט אז ער פארשטייט נישט ווי אזוי מענטשן האבן עס איבערגעלעבט. ער האט געזאגט אז אפילו א קאץ וואלט נישט געקענט ארויסקומען לעבעדיג פון אזא קרעש.



# צידה לדרך באקומסטו נישט

**איינמאל** דאנערשטאג, נאך שמחת תורה, בין איך געגאנגען זיך געזעגענען ביים רבי'ן, אבער דער רבי האט מיר נישט געוואלט געזעגענען. איך האב דעמאלטס געלערנט אין טשאבא כולל, וואו עס איז געווען א חבורה פון בחורים. און מיין טאטע ע"ה איז געווען באזארגט אז אויב איך וועל נישט דארט זיין זונטאג אינדערפרי, וועל איך נישט טרעפן א גוטע חברותא. איך בין אריין צו די רביצין און איר געבעטן אז זי זאל שתדל'ען אז דער רבי זאל מיר לאזן אהיימפארן. זי איז אריין צום רבי'ן און געבעטן אז ער זאל מיר לאזן אהיימפארן. האט ער זיך אנגערופן: "פאר לחיים ולשלום, אבער צידה לדרך באקומסטו נישט". וויבאלד איך האב געהערט פאר לחיים ולשלום, האב איך גענומען די נעקסטע שיף דאנערשטאג ביינאכט, און איך בין אהיימגעפארן.

מוצאי שבת באקום איך א טעלעפאן קאל פון רבי ישעי' יעקב שאטובער שליט"א, ער איז דעמאלטס געווען דער מנהל אין סאטמאר ת"ת אין אנטווערפן. ער זאגט מיר, איך האב פאר דיר א פערזענליכע שליחות פונעם סאטמאר רבי'ן אין בעל הארבאר. א מלמד פון ארץ ישראל האט געדארפט אנהייבן זונטאג אינדערפרי און עס האט זיך געמאכט א פראבלעם. דער רבי וויל אז דו זאלסט דא זיין מארגן אינדערפרי אלס ממלא מקום. זונטאג פארטאגס האב איך געכאפט א פליגער פון סאוטענד קיין אנטווערפן, און אום אכט אזייגער האב איך אריינשפאצירט אין 56 מערקאטאר סטראט. רבי איציקל זי"ע גיט מיר א קוק אן און זאגט מיר בלויז, "נו?"

# חלה פארן פיש

**איינמאל,** אין סענט־סערג, ערב שבת האבן מיר געכאפט אין טייך א גרויסן פיש. איך האב עס אריינגעברענגט צום רבי'ן לעבעדיגערהייט, אין א שיסל מיט וואסער. דער רבי האט געהייסן ברענגען די גרעסטע חלה פון די חלות וואס זענען שוין געווען אנגעגרייט לכבוד שבת, און ער האט פון דעם געגעבן פארן פיש צו עסן. נאכדעם האט ער געהייסן מ'זאל דעם פיש אפקאכן לכבוד שבת. מי יעמוד בסוד קדושים?

# אגנעס בן מאגנעס

**איינמאל** איז א איד פון לאנדאן, וואס האט געהאט זייער א שווערע משפט, עס האט אים רחמנא ליצלן געווארט אסאך יארן תפיסה, איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן מיט א קוויטל. דער רבי האט געבעטן מען זאל געוואויר ווערן דעם נאמען פונעם פראסעקיוטער מיט זיין מאמע'ס נאמען. איך געדענק נישט וויאזוי, אבער איך געדענק אז דער נאמען איז געווען אגנעס בן מאגנעס. דער רבי האט מיר געהייסן אפשרייבן דעם נאמען, און נאכ'ן ליינען האט ער עס צוריסן, און ער האט מיר געהייסן איך זאל עס פארברענען. דער איד איז ניצול געווארן מחוץ לדרך הטבע.

# ראש חודש שבט - דער וועג קיין גענף

**ראש** חודש שבט תשל"ג אין סאן סערג האט דער רבי זיך אנגערופן אז ער וויל אראפפארן קיין גענף צו גיין דארט אין מקוה. דאס איז געווען אינמיטן ווינטער; דער וועג איז געווען בערך אנדערהאלבן שעה, און די וועגן זענען געווען פול מיט שניי און אייז. מ'האט געדארפט אראפפארן פונעם הויכן בארג אויף געדרייטע, גליטשיגע וועגן. קיינער האט נישט געוואלט נעמען די אחריות צו פירן דעם רבי'ן. איך האב פרובירט אן עצה, האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן אז מ'האט פארלוירן די שליסל פון קאר. האט דער רבי גלייך געזאגט, וועט מען נעמען א טאקסי. האב איך געזען אז קיין ברירה איז נישט דא, און איך האב גענומען אויף זיך צו פירן דעם רבי'ן. נאר ר' אנטשיל גבאי איז מיטגעפארן מיט אונז.

ס'איז געווען זייער קאלט, אויפ'ן וועג צום קאר האב איך אונטערגעהאלטן דעם רבי'ן ביים ארעם אויף די גליטשיגע אייז, און געטראגן זיין גרויסן האנטוך אויפ'ן אקסל. איך און ר' אנטשיל האבן אנגעטון קוטשמעס צוליב די קעלט. פונקט דעמאלטס האט איינער פרובירט צו כאפן א בילד פונעם רבי'ן. דער רבי האט נישט געוואלט מ'זאל אים פאטאגראפירן, און ווען ער האט עס באמערקט, האט ער געגעבן א זאג: "בהמה!" אין יענע רגע האט יענער אראפ געכאפט דאס בילד. ווער ס'האט געקענט דעם רבי'ן האט געוואוסט אז אפילו ווען ער האט געזאגט אזא שארפע ווארט, איז עס געווען מיט אזא חביבות אז קיינער האט זיך נישט באליידיגט.



סענט-סערג, ראש חודש שבט תשל״ג - אויפן וועג צום קאר צו פארן קיין גענף.
דער רבי האלט צידה לדרך אין האנט. הר״ר אשר גראד האלט דעם רבי'ן ביים ארעם, און דעם רבי׳נס האנטוך איז אויף זיין אקסל.
מען זעט אויך ר׳ אנטשיל גבאי, הר״ר מענדל שטיינמעץ, הר״ר אברהם יוסף גליק שמייכלענדיג, און הר״ר חיים האניג.

מיר זענען אנגעקומען קיין גענף, איך האב נישט געקענט טרעפן די וועג צו די מקוה. האב איך אפגעשטעלט א טעקסי און געפרעגט דעם דרייווער, זאגט ער מיר, ״איך פאר פונקט יענע וועג, פאר מיר נאך.״ ווען ער איז אנגעקומען צו די גאס, האט ער מיר געוויזן דורכ׳ן פענסטער וואו זיך אריינצודרייען, און ער איז ווייטער געפארן. איך האב זיך געוואלט אריינדרייען, זאגט מיר דער רבי, ״פאר אים נאך״. איך בין אים נאכגעפארן ביז ער האט זיך אפגעשטעלט ביי א רויטע לייט, און דער רבי געבט מיר געלט און הייסט מיר, ״גיי באצאל אים״. א גוי האט געטון א טובה, דער רבי האט נישט געוואלט אז ער זאל בלייבן אומבאצאלט. דאס איז געווען זיין סדר. אפילו ווען א פאסט טרעגער וואס האט געברענגט אן עקספרעס בריוו צו אונטערשרייבן, אדער אן אינספעקטאר וואס האט באקוקט די טיקעטס אויפ׳ן באן, האט דער רבי זיי עפעס געגעבן.

אונז קומען אן צו די מקוה, דער רבי מיט ר׳ אנטשיל גייען אריין, און איך בין געבליבן אין די פאדערשטע צימער. ר׳ אנטשיל איז שוין דעמאלטס געווען א בן שמונים. עס גייט אדורך א שטיק צייט, און איך טראכט אז עס געדויערט עפעס צו לאנג... ס׳איז צו שטיל... איך עפן די טיר צו די מקוה שטוב, און איך זע ווי ר׳ אנטשיל פארעט זיך מיט דעם רבי׳נס בגדים, מיט זיין רוקן צו די מקוה, איך זע אבער נישט דעם רבי׳ן. פלוצלינג באמערק איך ווי דער רבי איז אינגאנצן אונטער׳ן וואסער, און זיינע הענט זוכן אויף וואס זיך אנצוכאפן, כדי זיך ארויסצוהייבן פון די וואסער.

איך האב זיך בליץ שנעל אראפגעלאזט צו די מקוה, אנגעכאפט דעם רבי מיטביידע הענט, און אים ארויסגעצויגן פון וואסער. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן, ווי דעם רבי׳נס פנים איז געווען אויסטערליש טונקל רויט, איך האב אזא קאליר אויף א פנים נאך קיינמאל נישט געזען! ער האט זיך פעסט אנגעכאפט אין מיינע ארעמעס און האט נישט ארויסגערעדט קיין איין ווארט.

אין אנטווערפן האט זיין מקוה געהאט רעילינגס, אבער אין גענף איז עס נישט געווען. עס זעט אויס אז דאס האט אנגעמאכט די פראבלעם.

## די קעמערע ביי קידוש לבנה

**איינמאל**, אויך אין סאנט סערג, האט מען געדארפט ארויסגיין אויפ׳ן באלקאן צו קידוש לבנה, ס׳איז אבער געווען זייער טונקל. האב איך פארשאפט א מאווי קאמערע וואס האט געהאט א שטארקע פראדזשעקטאר כדי צו באלייכטן די באלקאן. נאר איין קליינע פרט האב איך נישט פארציילט, אז בשעת די פראזשעקטאר לייכט, דרייט זיך אויך די פילם, און אזוי האב איך געקענט אויפכאפן רבי איציקל בשעת קידוש לבנה. רבי יאנקעלע האט מיר נאכדעם געפרעגט, ״האסט גענומען בילדער?״ איך האב נישט געוואלט אז רבי איציקל זאל דערפון געוואויר ווערן, האב איך אים געבעטן אז ער זאל עס נישט פארציילן, און ער איז טאקע געבליבן שטיל.

נאכדעם, צוריק אין די דירה, האט רבי איציקל געטיילט איינגעמאכטס לכבוד קידוש לבנה, אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט. פאר מיר האט ער געגעבן צוויי פארציעס, און האט געזאגט, ״דו באקומסט דאפלט פאר׳ן לאמפ.״ דא האט רבי יאנקעלע מער נישט געוואלט שווייגן. ״דאס איז א לאמפ? דאס איז דאך א פאטא-אפאראט!״ ווי נאר רבי איציקל האט דאס געהערט, האט זיך די גאנצע מעשה געטוישט. ער האט מיר געהייסן שוין אריינברענגען דעם אפאראט, און געזאגט אז אויפ׳ן וועג אהיים וועט ער עס ווארפן אונטער די רעדער פון די באן, עס זאל נישט בלייבן פון דעם קיין זכר. איך האב פרובירט מסביר צו זיין אז מ׳קען ארויסנעמען די פילם און מ׳דארף נישט צוברעכן די גאנצע אפאראט. ער האט אבער גארנישט געוואלט הערן, ״ברענג עס שוין אהער!״ למעשה האט זיך אן אייניקל אויסגעבעטן ביים זיידן אז ער זאל עס נישט צונעמען.



הרה״צ רבי יאנקעלע מפשעווארסק זי״ע

# דורך דער גלאזערנער טיר

**איינמאל** בין איך געווען ביים רבי'ן אויף א שבת אין א שטעטל נעבן אנטווערפן, שילדע. פארטאגס, ווען דער עולם איז נאך געשלאפן, בין איך אריין אין רבי'נס צימער זען צו דער רבי דארף עפעס. דער רבי האט מיר געבעטן אז איך זאל אים אריינברענגען א טיי. איך האב זיך צוגעאיילט דאס אויסצופירן, און איך בין אריינגעלאפן אין א דאפלט-גלאזענע טיר וואס האט זיך אינגאנצן צעשמעטערט. די גאנצע שטוב האט זיך אויפגעוועקט פון די גערודער, און דער רבי האט זיך בלויז אנגערופן, "שבת?" ס'איז ממש געווען א נס אז ס'איז מיר גארנישט געשען.

# די הונדערט פונט

**איך** בין בימים ההם געווען א מלמד, און זיך געמוטשעט אויסצוקומען מיט די קליינע געהאלט. איך האב אבער געהאט א שטארקע חשק מהנה צו זיין דעם רבי'ן. האב איך אנגעהויבן אוועקצולייגן יעדע וואך אביסל געלט פון מיין געהאלט. אזוי האב איך צוביסלעך אנגעזאמלט ביז איך האב געהאט הונדערט ענגלישע פונט. הונדערט פונט איז דעמאלטס געווען פאר מיר אסאך געלט. איך האב זיך זייער געפרייט אז איך וועל קענען מהנה זיין דעם רבי'ן. רבי איציקל איז דעמאלטס געווען אין שילדע, איך בין אהין געפארן אויף שבת. ליל שישי ווי נאר איך בין אנגעקומען, בין איך אריין צום רבי'ן, איך נעם ארויס די הונדערט פונט, און איך וויל עס אים געבן. אבער דער רבי האט געגעבן א מאך מיט די האנט, ווי צו זאגן, האלט עס דיר, איך דארף עס נישט. איך קען נישט ארויסברענגען וויאזוי איך האב זיך געשפירט. איך האב זייער לאנג אוועקגעלייגט פון מיין געהאלט, מיט אזא חשק דאס צו געבן פאר'ן רבי'ן, און יעצט וויל ער עס נישט נעמען. עס איז פאר מיר געווען ווי א פאטש אין פנים. איך בין געווען היימיש דארט אין שטוב, האב איך זיך אויסגערעדט פאר די רביצין. זי האט אויך נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי האט דאס נישט געוואלט נעמען.

ביינאכט האב איך זיך געלייגט שלאפן אויפ'ן קאנאפע (קאוטש) אין בית המדרש. אינמיטן די נאכט וועק איך זיך אויף, און איך האב מיך געמאכט אזוי ווי איך שלאף ווייטער. איך זע ווי ר' איציקל זיצט ביים טיש מיט ר' יאנקעלע, און די רביצין ברענגט אריין א נאכטמאל, און זי פרעגט דעם רבי'ן, פארוואס האסטו נישט געוואלט נעמען דאס געלט? ר' איציקל האט גארנישט געענטפערט. ר' יאנקעלע האט זיך אבער אנגערופן, "דער שווער מיינט אוודאי אז אשר האט א קאנטע אין די שווייץ, און ער וויל אז ער זאל געבן מער". איך האב זיך געפרייט אז עמיצער נעמט זיך כאטש אן פאר מיר, האב איך נאך אלץ נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר.

יענעם שבת האב איך געשפירט אז דער רבי איז מיר ממש מרחק. ער האט מיר כמעט איגנארירט א גאנצע צייט, און ווען ער האט געטיילט שיריים בין איך געווען דער לעצטער צו באקומען. איך האב ביי מיר געטראכט, וואס האב איך געטון? אזוי אויך איז געווען מוצאי שבת ביי מלוה מלכה. זונטאג פארטאגס איז דער רבי געזעסן אין זיין צימער, און איך געב א קוק אריין דורכ'ן גלאז פון די טיר און איך זע ווי דער רבי עסט א קיכל פאר'ן דאווענען. דער רבי האט מיר באמערקט, און ער ווייזט מיר אז איך זאל אריינקומען. איך קום אריין, פרעגט ער מיר, "דו קוקסט מיר נאך וויאזוי איך עס פאר'ן דאווענען?" האב איך געענטפערט, "חס ושלום, איך האב נאר אריינגעקוקט צו זען אפשר קען איך עפעס העלפן."

דער רבי קוקט מיך אן מיט ליבליכע אויגן, ער הייסט מיר זיך אראפזעצן נעבן אים, און זאגט מיר: "הער גוט אויס. ווען איך בין געווען א יונגערמאן בין איך געווען געזונט ווי א פערד. און מיין רבי, דער טשעטשנאווער רב, האט אויף מיר גוזר געווען בגזירת רבי אז איך זאל יעדן טאג עסן פארן דאווענען." ער האט דאס איבערגעחזר'ט עטליכע מאל. איך האב אים פרובירט צו פארזיכערן אז איך האב קיינמאל נישט געוואלט נאכקוקן וואס ער טוט.

נאכדעם זאגט מיר דער רבי, "האסט מיר געוואלט עפעס געבן?" זאג איך, "יא." פרעגט ער מיר, "אויף וואס ווילסטו עס געבן?" זאג איך, "איך געב עס פאר'ן רבי'ן, דער רבי זאל מיט דעם טון וואס דער רבי וויל." זאגט ער, "נו, געב עס אהער." איך האב גלייך געגעבן די הונדערט פונט, און דער רבי האט גענומען דאס געלט, און ער האט אנגעהויבן דאס צו ציילן, און האט עס איינגעטיילט אויף פארשידענע חלקים, און יעדע חלק האט ער אריינגעלייגט אין אן אנדערע קעשענע פון זיין וועסטל. נאכדעם האט זיך דער רבי גענומען וואונטשן, און ער האט מיר ממש באגאסן מיט גאר שטארקע ברכות אויף השפעות טובות און אזוי ווייטער.

❖

דאס זענען נאר א טייל פון די זכרונות וואס זענען מיר געבליבן פון יענע לעכטיגע טעג. זכותו הגדול והקדוש פון רבי איציקל זי"ע זאל מגין זיין אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל, אמן.

❖